# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** פארוואס אין ראש השנה טונקט מען אײן דווקא אין האניג און נישט קײן אנדערע זיסע זאך? דאס ענטפער איז אפשר אזוי: עס ווערט געברענגט אין די גמרא "גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות" (יומא פו:) תשובה איז אזוי גרויס אז עס מאכט זכותעם פון עבירות. אזוי אויך דרך משל איז האניג, ווייל האניג איז די אײנציגסטע כשר'ע עסן וואס קומט ארויס פון א טמא'נע חיה. ווענן דעם עסט מען דווקא האניג, ווייל האניג איז מרמז אויף דעם אז א גוטע זאך קען ארויסקומען פון שלעכטס.

מען זעט אין די דור ב"ה א כוואליע פון בעלי תשובה, וואס קומען צוריק צום אידישקייט פון אלע עקן וועלט. די הייליגע תורה רעדט אפשר ברמז די וואך וועגן די ענין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "ושב ד' אלקיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים..." וואס מײנט "ושב ד' אלקיך את שבותך?" "שבותך" איז א לשון פון "שבי" – געפאנגען. ד"ה דער אײבערשטער איז מעורר תשובה ביי אלע אידישע קינדער וועלכע זענען "תינוקות שנשבו". דער פאלגענדע מוראדיגע מעשה ווייזט ווי דער אײבערשטער איז מקיים דעם פסוק: "ושב ה' אלקיך את שבותך וכו"

בערך 20 יאר צוריק איז רב שלום שעכטער (זיין עכטע נאמען) געפארן קײן אמעריקא אפאר וואכן כדי צוזאמענצונעמען געלט פאר א וויכטיגע צוועק. יעצט, א פאר טעג פאר ראש השנה, האט ר' שלום זיך גענומען אהיימפארן קײן ארץ ישראל. ר' שלום איז געווען אויסגעמוטשעט און מיד נאך אפאר וואכן גײן נאך געלט אין אמעריקא. דער עראפלאן איז אוועקגעפארן ווען עס איז געווען שוין ביי נאכט אין ניו יארק. דער זיבעציג יעריגע ר' שלום האט גענומען זיין פלאץ אויף דעם עראפלאן, און ער איז שנעל אײנגעשלאפן. דער עראפלאן האט געדארפט פארן קײן "אטענס" אין דעם לאנד גריכנלאנד. אין שטאט "אטענס" האט ר' שלום געדארפט אראפגײן פון דער עראפלאן, און כאפן אן אנדערע פליגער קײן א"י. פאר ער איז אײנגעשלאפן, האט ער געבעטן פון אײנעם אים אויפצוועקן ווען דער עראפלאן וועט אנקומען קײן אטענס כדי ער וועט קענען טוישן עראפלאנען.

דער אײבערשטער האט געהאט אבער אנדערע פלענער פאר ר' שלום, ווייל קײנער האט אים נישט אויפגעוועקט ווען די עראפלאן איז אנגעקומען קײן אטענס. ר' שלום האט זיך נאר אויפגעוועקט ווען דער עראפלאן האט זיך אויפגעהויבן. דעמאלט האט דער פײלאט אויסגערופן אויפן מײקרעפאן: "א גוט מארגען יעדע אײנער, אונזער נעקסטע סטאפ אויפן וועג איז לעבאנון." ר' שלום האט זיך געכאפט א ציטער. לעבאנון איז אן אראבישער לאנד. פאר א פרומע איד איז עס א ריכטיגע סכנת נפשות צו זיין דארט. אבער וואס האט ר' שלום געקענט טון? דער עראפלאן איז שוין געווען אויפן וועג.

ר' שלום האט זיך מתייעץ געווען מיט די מענטשן וואס ארבעטן אויפן עראפלאן, און זיי האבן געמאכט א פלאן. פאר די אראבישער גרעניץ פאליציי וועלן ארויפקומען אויפן עראפלאן ביים סטאפ אין לעבאנון, וועלן זיי צודעקן ר' שלום מיט אסאך דעקן און קושענעס. אזוי וועלן די אראבער נישט זען אז ר' שלום איז א איד. ב"ה אז דער פלאן איז געלונגען, ווייל די אראבער וועלכע זענען ארויפגעקומען אויפן פליגער האבן טאקע נישט באמערקט ר' שלום.

באלד דערנאך האט דער פליגער זיך אויפגעהויבן נאכאמאל און איז געפלויגען ווייטער. דער פײלאט האט אויסגערופן אז דער נעקסטער סטאפ איז אין אינדיע. ר' שלום איז געווארן אומרוהיג, ווייל עס איז שוין געווען ליל ערב ר"ה! ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז ער וועט נישט זיין ר"ה אינדערהײם מיט זיין משפחה אין ארץ ישראל. אבער ער האט נאך נישט געוואוסט וואו ער וועט זיין אויף ר"ה. ער האט זיך דערמאנט אז עס איז דא אין אינדיע א אידישע קהילה, אבער ער האט נישט געוואוסט וואו, ווייל אינדיע איז א גרויסע לאנד, און עס איז געווען נאר עטליכע שעהן פאר ר"ה.

ר' שלום האט שטארק געדאווענט אז ער וועט קענען זיין מיט א אידישע קהילה ר"ה, אבער ווי ווייטער דער עראפלאן איז געפלויגען, האט ער אלץ ווייניגער געטראכט אז ער וועט קענען טרעפן אידן אין יענער עק וועלט.

אויפן וועג קײן אינדיע, האט דער פײלאט אויסגערופן נישט גוטע נײעס: עס איז דא א מלחמה אין אינדיע, וועגן דעם נאר מענטשן מיט א פאס פון אינדיע מעגן אראפגײן פונעם פליגער. ר' שלום האט געכאפט א ציטער. עס איז דאך געווען ערב ר"ה אינדערפרי און ער איז נאך געווען אינעם פליגער אין אינדיע!

ר' שלום האט זיך מיישב געווען אז ער דארפט אראפגײן ביים נעקסטען סטאפ, נישט קײן נפקא מינה וואו עס וועט זיין. אפאר שעה שפעטער איז דער פליגער אנגעקומען קײן טײלאנד, א לאנד לעבן טשײנע. ווען ר' שלום איז אראפגעגאנגען פונעם עירפלאנן אין דער שטאט "בעינגקאק", איז עס געווען צוויי שעה פאר דער זמן. ר' שלום האט שנעל געזוכט א קהילה. ב"ה אז ער האט טאקע געטראפן די אידן אין יענעם שטאט און ער איז אנגעקומען אפאר מינוט פאר דער זמן.

דער "ראש הקהל" האט אײנגעלאדענט ר' שלום אײנצושטײען ביי אים אינדערהײם. ר' שלום איז שנעל געווואר געווארן אז יענע "קהילה" איז נישט קײן ארטאדאקסישע קהילה. אבער, ר' שלום האט נישט געהאט קײן ברירה. עס איז שוין געווען די זמן.

פאר די סעודה ליל ר"ה, האט ר' שלום זיך געוואשן אויף מצה, און מיט דער מצה האט ער געגעסן ירקות, ווייל ער האט זיך נישט געקענט פארלאזן אויף די כשרות פון יענעם "ראש הקהל". די נעקסטע טאג האט ר' שלום געדארפט דאווענען ביחידות ווייל די שול האט נישט געהאט קײן געהעריגע מחיצה, רח"ל. אפילו מיט די אלע שוועריגקײטן, האט ר' שלום געדאווענט די תפילות מיט א מוראדיגע שטארקע כוונה, ווייל ער האט געגלײבט אז אלעס איז השגחה פרטית.

שפעטער אין טאג האט ר' שלום פארשטאנען פארוואס דער אײבערשטער האט אים געשיקט צו יענעם פלאץ אויף ר"ה. דער בעל אכסניה האט געהאט צוויי זון וועלכע זענען געווען קליגע בחורים. ר' שלום האט געזען אז די צוויי זון האבן זיך אינטערעסירט אין אידישקייט אביסל. ר' שלום האט זיי מקרב געווען מיט שײנע דברי חיזוק און תורה.

דער אײבערשטער האט געהאלפן אז ר' שלום האט אויפגעטון. ער האט געפועלט אז אײנער פון די צוויי בחורים האט מסכים געווען צו גײן לערנען אין "אור שמח," א ישיבה פאר בעלי תשובה אין ארץ ישראל! שפעטער איז דער אנדערער ברודער אויך געווארן א בעל תשובה! נישט נאר דאס, אבער ר' שלום האט אפילו אריינגעברענגט א רוח תשובה אין יענע קהילה! יעצט האט ר' שלום פארשטאנדען פארוואס דער אײבערשטער האט אים געפירט אזוי ווײט אוועק פון זיין משפחה. אזוי ווי עס שטײט אין די תורה: "ושב ד' אלקיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים וכו'." די צוויי בחורים פון טײלאנד האבן שוין ב"ה חתונה געהאט און זיי וואוינען היינט מיט זײערע משפחות אין לונדון. אלעס ווייל דער אײבערשטער האט געמאכט אז ר' שלום זאל דורכשלאפן!

לאמיר אלע זיך נתעורר ווערן תשובה צו טון כדי מיר זאלן אלע זוכה זיין צו האבן אן עכט זיסע יאר, זיס ווי האניג. **גוט שבת אלע אידן.**

**זייטס מחזק דעם כולל דמצוינים - תולדות יעקב יוסף - מאנסי**

**א' סליחות, זונטאג נאכט בשעה 8:00, בבית מוה"ר איתמר כ"ץ שליט"א** 29 Osteroh

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!